**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע ריפאַנדעבעל פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים טעקס קרעדיט אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען

***בארעכטיגטע פארמער קענען יעצט אפלייען צו צוריקגעצאלט ווערן פאר אָווערטיים באצאלט זינט יאנואר 1, 2024***

***פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים קרעדיט איז טייל פון גאווערנער'ס פלאן צו שטיצן פארם ארבייטער און עסנווארג פראדוקציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז בארעכטיגטע פארם ארבעטסגעבער קענען יעצט אפּלייען צו די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס פאר א סערטיפיקאט פון פאראויסיגע באצאלונג (עדווענס פּעימענט) כדי זיי זאלן באקומען צוריקצאלונגען פון די דעפּארטמענט פון שטייערן און פינאנץ פאר בארעכטיגטע אָווערטיים באצאלט פאר זייערע ארבייטער זינט יאנואר 1, 2024. די פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים קרעדיט (Farm Employer Overtime Credit) איז טייל פון גאווערנער האקול'ס פלאן צו שטיצן ניו יארק'ס פארמער דורך א סעריע פון נייע און פארמערטע טעקס קרעדיטס און אנדערע איניציאטיוון, און עס העלפט זיכער מאכן אז פארם ארבעטסגעבער קענען פארזעצן צו אויסהאלטן זייערע ארבייטער בשעת'ן רעדוצירן זייער שטייער לאסט.

"דאס שטיצן ניו יארק'ס פארמער און פארם ארבייטער – וועלכע זענען וועזנטליך צו האלטן ניו יארק סטעיט אויף די רעדער – איז א הויפט פריאריטעט פאר מיין אדמיניסטראציע, און אונזערע נייע פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים קרעדיט איז איינס פון פילע געוואלדיגע איניציאטיוון וואס ציהלן צו העלפן פארגרינגערן די שוועריגקייטן פון וואקסנדע קאסטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג אלע בארעכטיגטע פארם ביזנעסער צו לערנען מער איבער דעם פראגראם און צו אפּלייען פאר צוריקצאלונג כדי מיר זאלן קענען פארלייכטערן זייער שטייער לאסט בשעת'ן זיי העלפן פארזעצן צו אויסהאלטן זייער פלייסיגע איינגעשטעלטע."

די פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים קרעדיט איז א "ריפאַנדעבעל" טעקס קרעדיט (דאס הייסט אז אויב די קרעדיט איז העכער פון די אריגינעלע שטייער סומע באקומט מען צוריק געלט) וואס איז דא צו באקומען פאר בארעכטיגטע פארם ארבעטסגעבער וועלכע האבן באצאלט אָווערטיים געהאלטן נאך יאנואר 1, 2024, לויט די צוביסלעכווייזע צופאסונג פון די אווערטיים שעה'ן אין ניו יארק סטעיט. אנגעהויבן פון יעצט, קענען ארבעטסגעבער וועלכע האבן זיך רעגיסטרירט אין די נייע דורך אנליין פארטאל אויף [taxcredit.agriculture.ny.gov](https://taxcredit.agriculture.ny.gov) אריינגעבן אינפארמאציע איבער בארעכטיגטע אָווערטיים פון ארבייטער און אריינגעבן זייער אפליקאציע צו די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets, AGM) פאר א סערטיפיקאט פון פאראויסיגע באצאלונג פאר בארעכטיגטע אָווערטיים באצאלט צווישן יאנואר 1 און די דאטום פון זייער אפליקאציע.

פארמער קענען אויךווארטן ביז אויגוסט צו אפלייען פאר צוריקצאלונג פאר די גאנצע צייט אפשניט פון יאנואר 1 ביז יולי 31, אדער קענען זיי אויסוועהלן צו ווארטן ביז זיי פיילן זייער טעקס ריטוירן צו באקומען די קרעדיט. מיט די פאראויסיגע באצאלונג יעצט און מיט די חודשים וואס ווערן אראפגעשריבן אין די טעקס ריטוירן צוזאמען וועלן בארעכטיגטע פארם ארבעטסגעבער באקומען א פולע 12 חודשים פון די פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים קרעדיט. אן אנווייזונג ביכל צו ארויסהעלפן פארמער מיט דעם אפליקאציע פראצעדור איז פארעפנטליכט אויף agriculture.ny.gov/user-guide-farm-employer-overtime-credit-advance.

אפליקאציעס פאר א סערטיפיקאט פון פאראויסיגע באצאלונג מוזן אריינגעגעבן ווערן צו די AGM ביז סעפטעמבער 30. נאכן איבערקוקן די בארעכטיגונג, וועט די AGM ארויסגעבן א סערטיפיקאט פאר יעדן באשטעטיגטן פארם ארבעטסגעבער. מיט אזא סערטיפיקאט פון פאראויסיגע באצאלונג קענען די אייגנטומער/אייגנטימער, שותפים און שעיר האלטער פון דעם באשטעטיגטן פארם ארבעטסגעבער דאן גיין פארלאנגען זייער טייל פון די פאראויסיגע באצאלונג פון די דעפּארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Tax and Finance, DTF). אלע פון די פארם'ס אייגנטימער, שותפים אדער שעיר האלטער וועלכע ווילן באקומען זייער חלק פון די פאראויסיגע קרעדיט מוזן מאכן די פארלאנג דערפאר באזונדער. די פארלאנג מוז געמאכט ווערן נישט שפעטער פון נאוועמבער 1, נוצנדיג די אנליין סערוויסעס אקאונט אויף די DTF'ס וועבזייטל.

פארמער קענען אפּלייען פאר די ריפאָנדעבעל קרעדיט אויב זיי (אדער זייער ביזנעס):

- זענען א בארעכטיגטע פארמער; און
- באשעפטיגן בארעכטיגטע פארם ארבייטער וואס זענען באצאלט געווארן בארעכטיגטע אווערטיים.

פריער דאס יאר האט די סטעיט געמוטיגט פארמער זיך צו גרייטן צו אפלייען דורכן אונטערנעמען די פאלגנדע שריט:

- זיכער מאכן אז זיי זענען רעגיסטרירט פאר א NY.gov ID דורך My.NY.gov.
- ענטפערן אויף די פארם ארבעטסגעבער בארעכטיגונג פראגעס צו זעהן אויב זיי (די פארם ארבעטסגעבער) זענען ערווארטעט צו נאכקומען די בארעכטיגטע פארמער איינקונפט פאדערונגען פאר די וועג וויאזוי זיי פיילן טעקסעס ביים ענדע פון די שטייער יאר.
- איבעררעדן דעם פראגראם מיט זייערע שטייער און פעריאָל אדווייזארס צו זיכער מאכן אז זיי האבן געהאלטן די נויטיגע רעקארדס דורכאויס די תקופה צווישן יאנואר 1 און יולי 31 היי יאר.
- רעגיסטרירן זייער פארם אויף די אנליין פארטאל אויף taxcredit.agriculture.ny.gov.
- אויב זיי ווילן — אויסוועהלן צו איבערגעבן די אויטאריטעט פאר א פארטרעטער (צום ביישפיל איינער וואס גרייט אן די טעקס פאר זיי) וואס זאל קענען אויספילן און אריינגעבן די אפליקאציע אין נאמען פון די פארם ארבעטסגעבער שפעטער דאס יאר.

נאך אינפארמאציע, הילפס-מיטלען און מאטעריאלן זענען פארעפנטליכט אויף די AGM'ס וועבזייטל אויף agriculture.ny.gov/OTadvance און אויף די DTF'ס וועבזייטל אויף tax.ny.gov/pit/credits/farm-employer-overtime-credit.htm. פראגן קענען געשיקט ווערן צו farmOTadvance@agriculture.ny.gov אדער (518) 457-7076.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור דעפארטמענט קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "דער נייער פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים קרעדיט פראגראם וועט העלפן זיכער מאכן אז אונזערע פארם ביזנעסער האבן די מיטלען וואס זיי דארפן צו אויסהאלטן זייער ארבעטסקראפט בשעת'ן נאכקומען זייערע עסנווארג פראדוקציע ציהלן. איך מוטיג בארעכטיגטע פארמער צו לערנען מער איבער דעם פראגראם און צו אפלייען פאר צוריקצאלונג פאר די ערשטע האלב פון 2024 אנגעהויבן פון היינט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנץ און שטייערן צייטווייליגע קאמישאנער, אמענדע הילער, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס אנווייזונג, טוהען מערערע סטעיט אגענטורן ארבעטן שווער צו אדרעסירן די שוועריגקייטן וואס ניו יארק'ס פארמער שטייען אויס. די נייע אָווערטיים טעקס קרעדיט קען גיבן באדייטנדע פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר פארמער וואס ספראווען זיך מיט הויכע קאסטן פון אויפהאלטן ארבייטער. איך מוטיג פארמער צו איבערקוקן די בארעכטיגונג תנאים און נעמען אין באטראכט צו אפּלייען."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האבן ניו יארקע פארמער געקעמפט קעגן נאציאנאלע קעגנדיגע ווינטן, אפט שטעלנדיג זייערע ביזנעסער אויף די אונטערהאנט קעגן קאנקורענץ אן זייער שולד. האלטן אונזערע פארמס אין ביזנעס איז העכסט וויכטיג צו זיכער מאכן אז לאקאלע עסנווארג צוטריט פאלט נישט צוזאם אין ניו יארק סטעיט, און דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן געקעמפט צו אוועקשטעלן די פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים טעקס קרעדיט צו דעקן די קאסטן פון אָווערטיים פאר פארם ארבעטסגעבער. מיר זענען פארפליכטעט צו ארויסשטעלן די געלט ארויס פון טיר און אריין אין די הענט פון ניו יארקע פארמער, און מיר מוטיגן אלע בארעכטיגטע פארמס צו אפלייען פאר די אָווערטיים סאָבסידיס וואס מיר האבן פארזיכערט פאר זיי."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "איך שטופ שטארק מיטגלידער פון אונזער פארם קאמיוניטי צו אפלייען פאר די נייע ריפאָנדעבעל אָווערטיים טעקס קרעדיט. מיר האבן געארבעט שווער צו טרעפן א וועג צו פארגרינגערן די לאסט פון געהעכערטע אָווערטיים געהאלטן אויף ניו יארק'ס פארם אויפהאלטער. איך האף אז די ארבעטסגעבער וועלן אינגאנצן אויסנוצן די הילפס-מיטלען און הילף וואס ווערן צוגעשטעלט זיי צו העלפן דורכאויס דעם פראצעדור."

די פארם ארבעטסגעבער אָווערטיים קרעדיט איז געשאפן געווארן דורך גאווערנער האקול אלס טייל פון איר [צוזאג אין די 2022 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע](#) צו העלפן פארמער נאכקומען די שוועריגקייטן פון ארבעטסקראפט קאסטן — צווישן די שנעלסטע-וואקסנדע קאסטן פון אגריקולטורישע פראדוקציע אין ניו יארק. די פלאן האט אוועקגעשטעלט א פערמאנענטע ריפאָנדעבעל טעקס קרעדיט פאר אָווערטיים שעה'ן פאר א פארם פון יעדע גרויסקייט אין ניו יארק סטעיט, צו אנטשיידיגן פאר שטייגנדע קאסטן פאר פארמער. גאווערנער האקול האט אין צוגאב אויך געהעכערט און עקזיסטירנדע ארבעטסקראפט טעקס קרעדיט און אויסגעברייטערט אן [אינוועסטירונג טעקס קרעדיט](#) פאר עקוויפמענט וואס ערגענצן די ארבעטסקראפט און אדרעסירן מאנגלען.

דאס יאר האט [גאווערנער האקול'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אריינגערעכנט](#) עטליכע גרויסארטיגע פארשלאגן און אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן די אגריקולטורישע אינדוסטריע און שטיצן א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אונזערע אגריקולטור, עסנווארג און וועלדערייי סעקטארן. די איניציאטיוון וועלן גיבן א שטופ פאר ניו יארק'ס מילכיגס און אגריקולטורישע אינדוסטריעס, אנטוויקלען ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען און פארמערן יונגווארג פירערשאפט און חינוך'דיגע געלעגנהייטן. לערנט מער אויף [governor.ny.gov/news/governor-hochul-announces-significant-investments-new-yorks-agricultural-industry-part-fy-2025](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן